# סצענע 1 ביים דאקטער'ס אפיס



די ערשטע סצענע שפיגלט אפ דעם ווארטנדן טאטע וועלכער איז אנטלאפן פון כולל ביי מיטאג צו נעמען זיין קינד צום דאקטאר. די סצענע איז פילמירט געווארן אין א פאקטישן "אורדזשענט קעיר", דאס איז די נייע פראכטפולע "פערפעקט העלט" קעיר צענטער אין בארא פארק אויף די אכצנטע עוועניו ביים ווינקל פון די פינף און פערציגסטע גאס (וואו ס'פלעגט זיין די ווידעא געשעפט נעבן מענדעלסאנ'ס פיצא) וועלכע האט באוויליגט אוועקצוגעבן זייער צענטער פאר דער סצענע.

דער יונגערמאן איז דער געשטעל פון א ליטווישער בן תורה וואס דארף שוין באמת זיין אין כולל יעצט, אבער ווען ער טרעפט זיך ביים דאקטער מיט'ן קליינעם, כאפט ער אריין אפאר שורות גמרא בשעת וואס זיין קינד שפילט זיך מיט די שפילצייג אויף דער ערד.

אן אנדערער יונגערמאן זיצט און שפילט זיך מיט זיין פליפ טעלעפאן צו געבן קאנטראסט. א בחור איז פערצופאל דעמאלט פאקטיש אריינגעקומען אין דאקטער'ס אפיס, איז ער אויך אריין אינעם בילד, וואס גיט צו א געוויסע "עקשאן" און לעבהאפט צום בילד.

די הוט און די קערידזש זענען די פראפס צום בילד.

דאס אפכאפן דעם בילד האט גענומען צוויי שעה. מענדי האט פארשאפט די מאדעלן און דאס קינד איז זיין אייגענע בעיבי.

פון אן ארטיסטישן קוק ווינקל הערשט אויפ'ן בילד א שטארק רחבות'דיגע ברייטקייט און לופטיגקייט, ס'פילט זיך ווי א געשמאקע פרימארגן מיט א שיינע זון אינדרויסן, אלס איז ווייך און בא'טעמ'ט.

דאס בילד איז ריין און גארנישט פארקירעוועט נישט דעם אויג. די גלאז פילטערט דורך די זון אז עס זאל נישט זיין צו שטארק, און שאפט א בלויען וואלקענעם ליכטיגקייט פאר'ן אויג.

"ס'איז זייער א פריינטליך בילד," איז זיין אויספיר, "ווי דאס ברייט שמייכל פונעם קינד."

דער פאטאגראפיסט מאכט קלאר ווי דער טשאלענדזש פון אראפנאגלען אזא בילד איז צו האבן די ריכטיגע קאמפאזיציע. "וואס איך זע דא אינעם בילד, איז די אטענשאן צו דעטאלן און ווי אלעס זאל קאמפלימענטירן די געשיכטע, נישט אוועקנעמען די פאקוס."

יעדע פון די בילדער אנאנסן זענען געקומען באגלייט מיט א מאמר חז"ל וואס האט געהאט א שייכות מיט דער אילוסטראציע פון דעם ארטיקל.







די אנקומענדע באן וועלכע גאלאפירט מיט א יאגנדע שנעלקייט, שפיגלט אפ ממש א סצענע פון פאטא-זשורנאליזם ווען די געשיכטע פאסירט ספאנטאן און יעצט. מיר האבן געדארפט אויסווארטן פאר דער ריכטיגער מינוט ווען עס קומט צו לויפן אן אנקומענדיגע באן און דאן גענומען דאס בילד.

ווי אין כמעט אלע בילדער אין דער סעריע געפינט זיך די קאמערע אויף דער זעלבער פאזיציע. דאס הייסט אז מיר האבן כמעט נישט גענומען קיין קריעטיווע ענגלס פאר די בילדער נאר אלעס גראד און פשוט, ווי דער מענטש איז אלעמאל אויפ'ן זעלבן פלאץ און די קאמפאזיציעס פון די בילדער ענדלען איינער צום אנדערן.

די באן סטאנציע איז ממש פאסיג, ס'איז אביסל נאכגעלאזט אבער גענוג ריין אז עס זאל געבן דעם ריכטיגן געפיל פאר'ן בילד. א באזונדער מעלה פון דער ספעציפישער לאקאציע איז אז די באן סטאנציע איז לעצטנס רענאווירט געווארן און פארמאגט נייע לעקטערס וואס האט פיל צוגעהאלפן פאר'ן בילד.

דער גוי וואס ווערט באמערקט פון הינטערווייל עכטס גיבט די קאנטראסט און ברענגט ארויס דעם אנו עמלים והם עמלים, אנו רצים והם רצים, זיי לויפן כאפן א באן און מיר לויפן כאפן א באן, ס'איז אבער א חילוק הימל און ערד.

איין זאך וואס מ'האט געטוישט אינעם בילד, איז געווען אז מ'האט פארמעקט דעם טאוול וואס מעלדט די גאס נומערן פון דער ספעציפישער באן סטאנציע. דער גראפיקער האט געהאלטן אז ס'וועט זיין צו א גרויסע שטער וואס וועט אוועקנעמען אויפמערקזאמקייט פונעם בילד. איך פערזענליך בין מחולק דערמיט און כ'האלט עס האט געזאלט פארבלייבן.



## סצענע 2 אין באן סטאנציע



וואו שאפט מען א סוכה אינמיטן יאר? אז מ'זוכט טרעפט מען. די לאקאציע פאר דעם בילד איז אין די ווערידהאוז פון "סוכה צענטער", ס'איז טאקע אנהויב זומער, אבער די פירמע האלט דארט אויפגעשטעלטע סוכות במשך דעם גאנצן יאר. פון וואו האט מען געוואוסט דערוועגן? איראניש אז מענדי לעגאראוויטש'ס פירמע געפינט זיך אין דער זעלבער געביידע, האט ער געהאט א סוכה ממש צו דער האנט.

דער "צלתה מרובה מחמתה" וואס שאפט זיך אינעם בילד כאילו דא איז דא א זון מיט א שאטן וואס דרינגט דורך די סכך איז אן אילוזיע, ווייל דאס פלאץ איז אונטער איין דאך אין בחינה פון העושה סוכתו בסך הכל און די אויסזען פון זון און שאטן ווערט געשאפן דורך די לעקטער.

די סוכה איז טאקע געשטאנען פולקאם גרייט פאר א לישב בסוכה (נישט ממש...) אבער אן קיין נוי סוכה זעט עס נישט אויס ווי אן "עכטע" סוכה סצענע, האט מען עס באהאנגען און באקלעבט מיט היימישע נוי סוכה און ארטס און קרעפטס צו געבן דעם ריכטיגן געפיל פון א חול המועד אין סוכה.

דער טיר האב איך געלאזט אזוי האלבוועגס אפן ווי מ'זעט טאקע די נוי סוכה טאוול וואס הענגט אויפ'ן טיר, אזוי שאפט עס דאס געפיל ווי כאילו דער אויג דרינגט אריין צו אן אינטימישער סצענע וואס שפילט זיך אפ ביי יענעם אין סוכה.

די סצענע מאלט אפ א בילד ווי דאס יונגל קוקט אויפ'ן טאטן מיט'ן גרעסטן רעספעקט אויף זיין התמדת התורה. דאס צווייטע יונגל באטראכט מיט התפעלות די דרשו תעודה פון טאטן וואס באצירט די סוכה און הענגט אויף דער וואנט אלס די שענסטע נוי סוכה און ברענגט א שטאלץ פאר דער גאנצער פאמיליע.

דער טאטע זיצט און לערנט און צו דער זייט האט ער א גלאז מאראנצן-זאפט און היימישע קוכן. מענדי האט מיטגעברענגט די קעיק ווייל ער טענה'ט אז ווען זיין טאטע לערנט ברענגט זיין מאמע קוכן. די קעיק איז דוקא אזא היימישע קעיק וואס א מאמע שיקט אריין אין סוכה. שיירים פון א האלב אויפגעגעסענעם סלייס ליגט דארט צעברעקלט ווי א ריכטיגע סעודה'לע וואס ווערט פארביסן אינמיטן לערנען.

דער יונגערמאן אינעם בילד הייסט שלום פישער, ער איז מענדי'ס חבר און האט באוויליגט אנטיילצונעמען אין דער סצענע.

אז מ'קוקט גרינטליך זעט מען א גרינע אביעקט אויף דער לינקער זייט, דאס איז נאך א סוכה וואס שפיגלט אפ די אריגינעלע צעשטופטקייט פון סוכה'לעך נעבן סוכה'לעך וויאזוי פילע סוכות ווערן פאקטיש געבויט איינס גאר נאנט צום אנדערן.

דאס בילד צייגט דאס "געשמאק" פון לערנען. אנדערש ווי אנדערע בילדער וואס ציינגן די מסירת נפש און די פלאג פאר תורה, ברענגט דאס ארויס די רואיגקייט און דאס עולם הבא'דיגע געפיל וואס נעמט ארום דעם לומד תורה. דאס איז נישט קיין בילד פון א בלאט גמרא אינמיטן דער ארבעט אדער א פאריאגטער און פארפלאגטער איד וואס לערנט תורה, נאר פארקערט, ס'איז חול המועד אויף דער וועלט ווען אלעס איז רואיג און סאליד און די קינדערלעך באקומען דעם געפיל ווי לערנען תורה איז פשוט די שענסטע זאך אויף דער וועלט און דער גן עדן אליין.

## סצענע 3 מסכת סוכה



## סצענע 4 דער פאכמאן



דער אריגינעלער פלאן פאר דער סצענע איז געווען צו פאטאגראפירן דאס בילד אין א שוסטעריי. מענדי איז ארומגעלאפן זוכן א פאסיגן שוסטעריי איבער גאנץ בארא פארק אבער אן קיין ערפאלג.

ער האט געוואלט דוקא אזא "גראנדזשי" (צעקוועטשטע) און "ווינטעדזש" (אלטפארצייטיש) אויסזען. אז ער האט נישט געקענט געפונען קיין שוסטעריי איז אים איינגעפאלן צו נוצן דעם ארבעטס קעלער אלס אן אלטערנאטיוו. דאס פלאץ איז אין קעלער פון 'ארטיסטיק גאלאריע' אויף פערצנטע עוועניו. מענדי האט אמאל פארבלאנדזשעט אין דעם קעלער און דער אויסזען פון דאס פלאץ איז אים געפאלן, אז ער האט זיך געמאכט א נאטיץ אז דאס איז א פאסיגע פלאץ פאר פאטאגראפיע וואס ער וועט נאך אמאל נוצן. יעצט איז געקומען די צייט.

די לאקאציע איז נישט גענוג, אצינד דארף מען שאפן דעם ריכטיגן כאראקטער וואס זאל ערגענצן דאס בילד. דער איד וואס פיגורירט אינעם בילד איז א זיסער אידל אן אפשטאמיגער פון בוכאריע. ווען איך האב געגעבן פאר מענדי א בילד פון בערך וועלכן סארט איד מיט וועלכן סארט אויסזען איך דארף פאר דעם בילד, האט ער זיך באלד דערמאנט פון דעם איד. פון וואו קען ער אים? ער איז געווען דער באס דרייווער פון זיין יונגעלע פאראיאר און זיין צורה האט זיך ווי צוגעפאסט צו דעם בילד.

דאס בילד דארף אילוסטרירן א מענטש וואס ארבעט שווער און טוט פיזישע האנט ארבעט וואס דערמוטשעט אים ביז צו די מארך ביין. ס'איז שוין סוף טאג און די זון גייט שוין פארביי. ער איז פערטיג מיט זיין ארבעט און האט שוין אראפגעצויגן די גראטעס ווי איינצומעלדן פאר זיינע קליענטן אז ער איז שוין געשלאסן און גרייט זיך אהיימצוגיין אפרוען די מידע ביינער. אבער ניין, זיין טאג איז נאכנישט פערטיג, ער האט נאכנישט געענדיגט זיין שיעור. דארט אויפ'ן פלאץ איינגעטינקען צווישן ענדלאזע ימ'ען פון ארבעטס געצייג און קליינטשיגע ביז גרויסע כלי מלאכה זעצט ער זיך לערנען. אט די לאקאציע איז מורא'דיג געאייגנט פאר די אילוסטראציע ווייל דאס פלאץ איז אנגעפילט מיט דעטאלן וואס העלפן אילוסטרירן די געשיכטע.

די לעקציע דערפון איז מורא'דיג און ס'איז א בילד וואס ציינט ענדלאזע עקשנות און שטאנדהאפטיגקייט. דער איד איז נישט דער טיפישער בארא-פארקער איד, ער גייט געקליידעט מיט א בלויע העמד און קורצע ארבל און זיין קאפל איז א פארקנייטשטע אלטע סארט יארמולקע, ער איז פאריאגט און פארפלאגט, אבער ער לאזט נישט נאך. ס'איז א מאמענט וואס שרייט ארויס די שטאנדהאפטיגקייט און שטארקייט פון א לומד תורה.

ער איז אזוי מיד אז ער גניצט שוין, אבער אז יעצט איז צייט צו לערנען איגנארירט ער זיין אויסגעמוטשעטקייט און זעצט זיך לערנען זיין קביעות'דיגן שיעור, עפעס וואס קומט אים שעצונג דערפאר.

דער עד האט אפגעקלינגען פון איין עק וועלט צו דער אנדערער און געברענגט די געוואונטשענע אויפמערקזאמקייט צו דער סעריע. איראניש ווי מיר האבן מתחילה געקלערט אז די סצענע וועט נישט ארבעטן און דער ציבור וועט נישט 'קליקן' דערמיט, איינס ווייל דער מענטש זעט נישט אזוי "היימיש" און צוויי, צוליב די טעכנישע שוועריגקייטן ביים נעמען דאס בילד אין א פיצל פלאץ מיט נישט די בעסטע ליכטיגקייט, וואס האט געברענגט אז דאס גאנצע בילד זאל טראגן מיט זיך א געוויסע אנגעשטרענגטקייט. למעשה האט דער המון עם די מערסטע קאנעקטעד דערצו.

# סצענע 5 לאנטש הפסקה




א שיעור אינמיטן דער ארבעט, גאר א ווירקליכע סצענע וואס שפילט זיך אפ טעגליך ווען זייער אסאך דרשו שיעורים קומען פאקטיש פאר אין אפיסעס און ארבעטס פלעצער, אזוי אז די סצענע שטעלט פאר מיט זיך א רעאליטעט וואס פאסירט יעדן טאג.

די סצענע איז פילמירט געווארן אין קאנפערענץ צימער פון די ברוקלין סקווער אפיסעס געביידע אין בארא פארק.

דער מגיד שיעור איז ר' ארי ריינהאלד א באבוב'ער יונגערמאן. פון הינטערווייל עכטס איז דא א גרויסער קאמפיוטער סקרין און אז מ'קוקט גוט זעט מען דעם זייגער געווי אויף 3:35, וואס באדייט אז דאס איז א מיטאג שיעור פונקט אינמיטן דער ארבעט.





מיר האבן אריגינעל געוואלט אז דאס בילד זאל אריינפאסן אויף די פאנאראמישע סצענע וואס זעט זיך ארויס פון פענסטער פון אזא הויכן שטאק, למעשה האט זיך עס נישט אויסגעארבעט און מיר האבן שפעטער ערגענצט א פאנאראמישע סצענע אין אן אנדערן בילד (די קאנסטראקשען סייט בילד).

דאס בילד אנטהאלט אן אויסוואל פון פארשידענע סארט מענטשן וואס אילוסטרירט ווי דער דרשו איד איז נישט איין ספעציפישער סארט איד פון איין ספעציפישער סארט קרייז. דאס בילד האט מיט זיך א געוויסע ברייטקייט אבער גלייכצייטיג אן ערנסטקייט ווי דער עולם איז שטארק פאקוסירט אינעם שיעור און נעמען עס זייער ערנסט. צוויי משתתפי השיעור קוקן אויפ'ן מגיד שיעור וועלכער דרייט מיט'ן גראבן פינגער און צוויי קוקן אריין אין דער גמרא.

דער טיש האט אסאך פאטאגראפיסטישע כאראקטער; איינער פון די משתתפי השיעור איז נישט קיין אנדערער ווי מענדי לענאראוויטש וואס האט זיך אליין צוגעזעצט אינעם בילד אויף דער רעכטער זייט...





א סצענע אין א בארא פארקער שטוב, א כמו-קארלינער געשטימטער פאמיליע אזוי צו זאגן... ס'איז ביינאכט, די קינדערלעך זענען שוין אין פיזשאמעס, טאטי יאגט זיך ארויס ווייל היינט נאכט קומט פאר דער מאנאטליכער דרשו בחינה, און די קינדערלעך באגלייטן ארויס טאטי און מאכן אים 'ביי'.

א רגע פאר'ן קושן די מזוזה שטעלט זיך טאטי אפ ביי די שיינע קינדעריש-געמאלענע טאוול וואס ווינטשט אים הצלחה צו זיין בחינה.

דאס צעטל האט פאקטיש א קליין מיידעלע געמאלן עס זאל זיין אויטענטיש און קינדעריש. דער יונגערמאן וואס מ'זעט אויפ'ן בילד הייסט ר' ישראל ברייער. ער איז נישט קיין מאדעל אדער אקטיאר, נאר א גוטהארציגער חבר וואס האט באוויליגט צו העלפן מיילעכ'ן שילדערן א דרשו געשיכטע.

דאס בילד צייגט די צייטגייסט ווי די נאכט איז שוין צוגעפאלן און די קינדער דארפן שוין בעצם גיין שלאפן. זיי באהאלטן זיך און קוקן ארויס פון אנדערן צימער ווי דער טאטע לייענט זייער היימיש-געמאכטע טאוול וואס לייענט זיך "הצלחה טאטי פאר דיין טעסט היינט." דער טאטע שמייכלט ברייט צו זיינע קינדער מיט הנאה און נחת און דער קליינער פאכעט מיט דער האנט.

ס'איז א בילד פון קשר און אהבה און ווי די קינדער האלטן מיט דעם טאטנ'ס וואוקס און עליה בתורה, און זענען שטאלץ מיט דעם טאטנ'ס בחינות און זיינע דערגרייכונגען זענען זייערע דערגרייכונגען. ס'איז זייער א סימפל סצענע אבער וואס פאנגט דאס הארץ און ווי מיר האבן צוריקגעהערט פון אן א שיעור מענטשן, איז דאס א בילד פול מיט עמאציע און רירט אן א האקעלע סטרונע.

## סצענע 6 א גוטע נאכט, טאטי







די סצענע איז אפגעשפילט געווארן אין די "מאנסי טרעילס" פארקינג לאט נעבן וויליאמסבורג, וואו די פירמע האט גוטהארציג פארבארגט א באס דערפאר.

פאר דעם בילד האט זיך געפאדערט א גרעסערע שטאב. אזויפיל ווי פופצן מענטשן זענען פילמירט אינעם בילד ווי זיי רייזן אויפ'ן באס.

די סצענע איז עפעס וואס שפילט זיך ווירקליך אפ יעדן צופרי אויף די באסעס ווען א מנין שחרית האלט זיך אינמיטן איינפעדימען.

איין איד טוט זיך אן טלית ותפילין פון אונטן פונעם באס און דאס איז אונזער מענדי אליין, און איין רייזנדער פון הינטן זעט מען אויך דאווענען מיט'ן טלית אנגעטון.

איין איד מיט'ן העמד ביים דריטן זיץ קוקט שטרענג און ווייזט כאילו ארויס פאראיבל פאר'ן פאטאגראפיסט וועלכער שטייט ביים דורכגאנג מיט זיין קאמערא ווי ער האט זיך דערלויבט צו שטערן די מנוחה און נעמען א בילד פון עמך רייזנדע אויפ'ן באס...

א יונגעלע דרימלט אנגעלאנט אויף זיין האנט, איינער אונטער אים ליינט דעם "מאָמענט" (אויפגעמישט צו א בלאט וואס האט א געלע אנאנס, אז עס זאל קלאר צייגן אינעם בילד), איינער הערט שיעורים אדער מוזיק מיט אויערן שטעקערס. נאך א יונגעלע נעמט עפעס אראפ פון די געפעק-שאפע העכער די קעפ. איינער זיצט מיט א שטאפענעם הוט, דאס איז נישט קיין אנדערער ווי אני הקטן אליין. אין דער האנט האלט איך אן א מאשינקע מיט וועלכן איך נעם אויטאמאטיש דאס בילד.

דאס בילד איז פול מיט דעטאלן און אזוי עכט און אזוי פאלש אויף איינמאל... א הוט באקס זיצט אויפ'ן ערשטן זיץ, איינעמ'ס תפילין שיידלעך און טלית בייטל זיצט אויפ'ן זיץ. און אויפ'ן אויבן אן זיצט דער דרשו איד, אין דעם פאל איז עס א יונגערמאן מיט'ן נאמען ר' משה לאנדא, אין דער האנט האלט ער א ספר און נוצט אויס די צייט פון דער רייזע צו ענדיגן זיינע שיעורים.

## סצענע 7 אונטערוועגנס



# סצענע 8 סיום מסיבה



טאטי האט געענדיגט א מסכת און די קינדערלעך האבן געמאכט א סורפרייז און אנגעגרייט א פארטי. די סצענע איז פון א טיפישער בני תורה משפחה אין דער היים. קיין שום איבעריגע לוקסוס געפינט זיך נישט אין שטוב. די פרידזשידער איז א היימישע פרידזשידער אנגעהאנגען מיט מצוה צעטלעך.

אויך די צוגרייטונגען צום פארטי איז נישט ספעציעל עלעגאנט, אבער די משפחה פרובירט דאס בעסטע לויט זייער יכולת אהערצושטעלן עפעס צו דער זאך לכבודו פון טאטי'ס סיום.

דער יונגערמאן גייט אריגינעל נישט קיין גלעזער און האט זיך אנגעטון גלעזער ווייל ס'האט צוגעגעבן צום בילד און ער האט אויסגעזען צו "בעסער" אן גלעזער...

דער קוכן איז א היימישע קוכן אפגעבאקן אין א 'ניין ביי טוירטין' בעקעלע, מיט אזא אויפגעבלאזענעם בויך פון אויבן, ווי ס'פאסט זיך פאר א היימישע געבאקענע קעיק. די פאמיליע פרובירט צו דעקן די טיש "פענסי" לויט זייערע מעגליכקייטן. זיי וואוינען פשוט אבער די שטוב איז אנגעפילט מיט אהבת התורה און שמחת התורה. זיי זענען 'דרשו אידן' נישט ווייל זיי זענען אומפארמעגליך, נאר זיי קערן פשוט נישט פאר גשמיות.

די קינדערלעך זענען באקרוינט מיט היימיש געמאכטע קרוינען, און די אינספיראציע קומט פון אווירקליכע עפיזאד ווי א איד האט דערציילט אז זיינע קינדער מאכן קרוינען לכבוד א סיום, ווי דערמאנט פריער.

די גאנצע משפחה איז טייל פון די כבוד התורה פארטי, אפילו די קליינע בעיבי. מ'האט ארויסגענומען דעם שענסטן טישטוך פון שאפע און געדעקט דעם טיש און צוגעשטעלט די סאמע בעסטע נאכטמאל וואס אלע גלייכן: פארפרוירענע דזשעלא אייסעס...

די פאטעיטע-טשיפ בעג זיצט נאך אויפ'ן קאונטער. צוויי שיינע הויכע מה-נשתנה ליכט ערגענצן דאס בילד.

א יונגל מיט א גרויסן שמייכל דערלאנגט די מזל טוב קעיק פאר טאטי וועלכער ענטפאנגט עס מיט א שעמעוודיגער, ענווה'דיגער שמייכל. אלע קינדער קוקן צו דעם גרויסן בעל שמחה און די מאמע איז ביים טיר פון קיך און זי איז די וואס כאפט דאס בילד...





## סצענע 9 ריסעס



דאס בילד איז גענומען געווארן אין דער געביידע פון א היימישער תלמוד תורה אין בארא פארק. "דער מלמד איז מיין שוואגער," זאגט ר' אלימלך, "א טייערער ערליכער יונגערמאן, א געשמאקער רואיגער אידל וואס גיט זיך אפ מיט עלטערע אידן פון פאך אויס. ער וואלט געפאסט צו זיין א מלמד."

דער איד גייט גראדע נישט מיט קיין פלאכע הוט; דער סאטמארער הוט איז צוגעלייגט געווארן ארויסצוברענגען ווי אפילו סאטמארער אידן וואס לערנען נישט קיין דף היומי זענען אויך אנגעשלאסן אין די דרשו שיעורים אין משנה ברורה און הלכה.





דעם קלאס צימער האט מען אויסשטאפירט מיט אלטע ספרים, א קרבן אשר סידור. מ'האט אפילו מיטגעברענגט א לאנטש פאר'ן מלמד און א קאווע צו דער זייט. פאר די קינדער האט מען געברענגט געימס צו שפילן און א "סופער 13" בעג איז אויפגעהאנגען געווארן אויף א נאגל אין דער וואנט.

די סצענע קען נישט זיין מער אקוראט. שלמי נדבה שילדערונגען אויפ'ן בלעק באורד; קינדער אין קלאס צימער און קינדער אין האלוועי; לאליס און רויטע און בלויע טיקעטס; אשר יצר טאוולען און א חזרה גדולה טשארט.

דער מלמד אינעם בילד איז נישט סתם א מלמד נאר א ספעציעלער מלמד. ער וואלט געהאט אלע רעכטן צו גיין זיך אויסלופטערן אין מלמדים שטיבל מיט די אנדערע מלמדים, אבער ער פארבלייבט אין כיתה ביי ריסעס און מיטאג און נוצט אויס די צייט צוצוענדיגן זיינע דרשו שיעורים.







דאס בילד איז גענומען געווארן צווישן הימל און ערד, אויף אן איין-און-צוואנציגסטע שטאק פון א געביידע וואס האלט אינמיטן געבויט ווערן נעבן די דיים סעווינגס באנק אין וויליאמסבורג.

דער פאקט איז אז זייער אסאך היימישע יונגעלייט ארבעטן היינטיגע טעג אין קאנסטראקשאן ודומיהן, ווי פלאמבינג און עלעקטריק, און די יונגעלייט האבן זיך געטראפן אינעם בילד.

דער יונגערמאן אינעם בילד, ר' משה מיללער, טוט אגב אויך אין קאנסטראקשן אלס דער אייגנטימער פון א פעינטינג פירמע וועלכער איז געשטעלט צו פארבן טאקע יענעם בנין. אונטן האט געבראטן די זון זייענדיג א הייסע זומער טאג, ער האט אונז ארויפגענומען מיט די "האוסט", די צייטווייליגע עלעוועיטאר צוגעטשעפעט צו דער זייט פון די געביידע און איבערראשנד איז אויבן געווען פיין לופטיג זיך געפינענדיג הונדערטער פיס העכער דער ערד.

פון היינטערווייל‏עכטס פון דער 'קאנסטראקשן סייט' אנטפלעקט זיך דער פאנאראמישער מאנהעטענער וואלקנקראצערישער האריזאנט, פון וועלכע מ'קען פארגאפט ווערן.

(א מילדער צושטעל צו דעם בילד איז דאס איקאנישע בילד ווי ארבעטער עסן מיטאג שוועבנדיג אין דער לופטן זיצנדיג אויף א שטאנג ביים בויען איינער פון די ערשטע מאנהעטענער וואלקנקראצער געביידעס. ר' יאסי זאגט אז ער האט אריגינעל געקלערט פון מאכן ממש אזא סארט בילד; ס'איז אבער נישט צושטאנד געקומען.)

דער איד איז אנגעטון אין זיין זיכערהייט היטל, און גראדע האבן מיר עס אלע געדארפט טראגן לעגאל, זיך געפינענדיג אין א הויך-שטאקיגן בנין וואס האלט אינמיטן געבויט ווערן. ער זיצט פראוויזאריש אויף א זאמלונג פון קאנטעינארס און כאפט אריין אפאר שורות גמרא.

ס'איז אן עקסטרעמע מעסעדזש אין אן עקסטרעמע בילד. דער יונגערמאן איז נענטער צום הימל ווי צו דער ערד, מ'קען פילן די קלאסטראפאבישקייט פון דעם בילד זיך געפינענדיג אויף אזא הויכן שטאק אן די נויטיגע זיכערהייט איינריכטונגען. ער איז איינזאם, אבער בעל בית אויף דער גאנצער וועלט ווייל ער האט די תורה הקדושה. זייער אסאך היימישע מענטשן ארבעטן אין קאנסטראקשאן און דאס בילד האט שטארק גערעדט צום עולם.

## סצענע 10 וואלקן-קראצעריש



ווי ר' יאסי באטאנט, האט דאס בילד געוויסע ענליכקייטן צו סצענע #4 ביים פאכמאן אין קעלער און טאקע צוליב דעם גרויסן אפקלאנג האט מען געזוכט צו מאכן נאך א בילד אין דעם גאנג, אבער דאך אנדערש.

אין דעם פאל איז די רעדע פון א חסידיש-ישיביש אידל, פשוט געקליידעט מיט צעקניפטע ציצית הענגען פון אלע זייטן, ער זיצט ביים מעכאניקער און ווארט אז זיין ישן נושנ'דיגע סטעישאן וואגאן זאל פארראכטן ווערן און דערביי נוצט ער אויס די איבעריגע מינוטן פאר לימוד התורה.

ר' אלימלך גראס נעמט איבער דאס ווארט ווייל דעם בילד האט גאר א פערזענליכע באדייט פאר אים:

"דער 'קאר שאפ' וואו דאס בילד איז גענומען געווארן האט געהערט פאר מיין פאטער הרה"ח ר' אליעזר גראסס ז"ל הכ"מ, וועלכער איז נפטר געווארן דעם יאר און ווערט ווייטער געפירט דורך מיין טאטנ'ס גוי וועלכער ווערט טאקע געזען ארבעטנדיג אויפ'ן אויטא אינעם בילד באקליידעט מיט זיין אריגינעלן ארבעטס זשעקעט.

"אנקומענדיג צום קאר שאפ אנצוגרייטן די סצענע האב איך געשפירט ווי איך באקום א גלעט פון הימל, ווען פונקט דאן האט זיך געפונען אין פארקינג לאט אן אלטע סטעישאן וואגאן וואס עפעס א רב האט פערצופאל אריבערגעברענגט צו פארדעכטן. כ'האב געשפירט ווי פון הימל וויל מען קאמפלימענטירן דאס בילד אויפ'ן שענסטן וועג.

"די גאנצע סצענע ברענגט ארויף אין מיר נאסטאלגישע זכרונות ווארום אומצאליגע שעה'ן בין איך אפגעזעצן אין מיינע יוגנט יארן טאקע געווי דארט ווי דער איד זיצט אין דער זייט און און באאבאכט מיין טאטנ'ס ארבעט.

"ווען די בילדער זענען צוריקגעקומען און איך האב עס גענומען אין דער האנט אריין, האט זיך א טרערל ארויסגעגליטשט פון מיינע אויגן. פאר א מינוט האב איך פארגעסן אז מיין טאטע לעבט נישט מער און כ'האב אים אזוי שטארק געוואלט צייגן די בילדער. קיינער אין דער וועלט וואלט נישט אזוי הנאה געהאט פון די בילדער ווי ער אליין.

"נאך א סעקונדע בין איך צוריקגעקומען צום רעאליטעט אז מיין טאטע געפינט זיך שוין אצינד אין גן עדן. מיינע ברידער און מיין מאמע האבן זייער הנאה געהאט פונעם בילד און פאר אונז איז עס געווען ווי א רייזע צוריקצאוועגס אין צייט, צו מיינע קינדערישע יארן און די גוטע זכרונות פון דעם ארט מיט מיין טאטן ע"ה אינאיינעם."

ר' יאסי:

"דאס בילד גיט ווידעראמאל אזא צעקוועטשטע אויסזען. אלעס שפירט זיך אלט און פארזשאווערט, מיט אומצאליגע דעטאלן אינעם בילד.

"דער יונגערמאן הייסט ר' יאסי ברוין, א היימישער חסידישער יונגערמאן וואס האט גראדע די ישיבה'שע בני תורה פיאות. ער איז צופעליג א מעכאניקער פון פאך אויס, האט ער זיך געשפירט היימיש אינעם בילד. זיין העמד איז פשוט, כ'האב אים ארויסגעשלעפט די ציצית עס זאל אויסזען צעקנייטשט. א פשוט'ע סעלפאן זיצט אויף זיין שויס, און א פעדער איז איינגעשטעקט אויף זיין העמד ווי א אידל פון תשמ"ה...

## סצענע 11 ביים מעכאניקער



# סצענע 12 זיידע און אייניקל



דאס בילד איז אין א געוויסן זין מער איינפאך און פשוט אן קיין כאפ, ווי א זיידע און אייניקל לערנען בחברותא אין הערליכן גארטן, אין שויס פון באשעפער'ס נאטור.

דאס בילד איז בדוקא געמאכט געווארן אזוי, ווייל דרשו איז נישט נאר פאר אידן וואס לערנען אין ווארט זאלן אדער ערגעצוואו אין א רעדל שאפ... ס'איז אויך פאר נארמאלע אידן וואס לערנען נארמאלע שיעורים... מיר האבן אין א וועג געוואלט ארויסברענגען די תורה וגדולה אספעקט פון לערנען, ווי געשמאק עס איז אנצוקומען אין די גאלדענע יארן און זיך זעצן שעפן נחת ביים לערנען מיט'ן זיסן אייניקל.





דאס בילד איז שוין אפשר צו שיין און צו פערפעקט אז עס זעט אויס ווי געמאלן. מיר האבן אפירגעזוכט דעם פאסיגן אויגפארכאפנדן גארטן עס זאלן כאפן די אינטערעסע פונעם אויג.

דער זיידע האט זיך זיינע חסידישע ספרים וואס ער לערנט ווי קדושת לוי און חתם סופר און ער מאכט צייט צו לערנען מיט'ן אייניקל א דרשו הלכה שיעור אין משנה ברורה.

# סצענע 13 מצוה טאנץ





ניין, ס'איז נישט קיין עכטע מצוה טאנץ... אבער דער בדחן און די זאל זענען יא עכטע.

די סצענע איז אויפגעשפילט געווארן אין די עטרת טשארנא זאלן אין מאנסי. דער בדחן איז דער טאלאנטפולער בדחן ר' דודי קנאבלעך.

דאס בילד איז איין שטיק מצוה טאנץ סצענע. א יונגעלע שלאפט אויף צוויי בענקלעך, צוויי פיצעלע מיידלעך (וואס זעען אויס מער ווי דאליס) האבן פארבלאנדזשעט ביי די מענער זייט, דער עולם האט ליידער נישט קיין געדולד אויסצוהערן דעם בדחן אין די שפעטע שעה'ן פון דער נאכט און דריי אידן שמועסן זיך צונויף בשעת וואס דער בדחן גארגלט. איין יונגעלע בויט א פיראמיד פון פלאסטישע גלעזלעך און א מאראנץ זיצט פאר'יתומ'ט אויפ'ן טיש און ווארט פאר א גואל.

דער דרשו איד פארברענגט נישט די צייט און זיצט און לערנט א שיעור אין משנה ברורה. אליבא דאמת האבן מיר דאך געזאגט די גאנצע צייט אז "דער דרשו איד" טוט נישט קיין אומגעוועגליכע שריט, ער לערנט ווען מ'דארף לערנען און פארברענגט ווען מ'דארף פארברענגען, אבער א מצוה טאנץ וואס פארציט זיך ביז פארטאגס איז שוין לאנג אנגענומען ווי נארמאל אז מ'מוז נישט ממש אויסהערן דעם בדחן א גאנצע נאכט און מ'מעג ארייננקוקן אין א ספר...





דאס בילד צייגט ווי א איד זיצט און לערנט אין ביהמ"ד, פשוט און גראד בלי כחל ושרק. ס'איז אינמיטן טאג, דער ביהמ"ד איז שוין מער ווייניגער ליידיג, סיידן איין עלטערער תלמיד חכם וועלכער זוכט א ספר פון ספרים שאנק און דער איד ווייסט נישט פון קיין מעשיות, ער זיצט און לערנט מיט געשמאק ווען פון דער זייט זיצט א טיי מיט צוויי קאצקע צוקער און א רויטע שטרוי אינעם קאווע גלעזל... כי זה חלקי מכל עמלי.

דאס בילד איז גענומען געווארן אין דער פראכטפולער ביהמ"ד טאשנאד אין מאנסי. אן אינטערעסאנטע שאלה איז נולד געווארן דורך די ארטיגע לומדי הביהמ"ד ווען מיר האבן אנגעטון דעם איד דעם שיינעם נייעם וואלענעם טלית קטן צי ער דארף מאכן נאך א ברכה טראץ וואס ער האט א ציצית אונטער זיין העמד. דער ענטפער איז געווען אז יא, ווייל אויף יעדן בגד של ד' כנפות איז חל א באזונדערער חיוב ציצית און א באזונדערער חיוב ברכה. איידער מ'האט גענומען דעם בילד האט אפגעהילכט א קלינגעדיגע על מצות ציצית...

## סצענע 14 | דער פשוט'ער לומד



טאטי האט געדארפט גיין לערנען אין ביהמ"ד מיט זיין חברותא, אבער למעשה האט די מאמע געדארפט די הילף אין שטוב, איז ער פארבליבן לערנען אין דיינינג רום מיט'ן קארדלעס טעלעפאן וואס איז אויף ספיקער, בשעת וואס ער לייגט צו א האנט צו העלפן מאכן נאכט אין שטוב.

דאס יונגל איז ארויסגעקומען פון בעט, האט אים טאטי געלייגט אויפ'ן קאוטש וואו ער האלזט זיין דעקע און נאגט א צאמי בשעת וואס ער קוקט זיך צו ווי טאטי הארעוועט איבער דער גמרא.

די בעיבי האט זיך אויפגעוועקט האט דער טאטע גענומען דאס קינד אין דער האנט בשעת וואס דאס קינד וויל מיטלערנען און שלעפט און צעקנייטשט די בלעטער גמרא.

דאס בילד איז גענומען געווארן אין יאסי גאלדבערגער'ס שטוב. מיר האבן געהאט אסאך דיינינג רומס צו וועלן אבער מיר האבן געזוכט דוקא א פארהעלטניסמעסיג קלענערע דיינינג רום וואס זאל זיין מער היימיש אוןווארעם און מיט א ספרים שאנק וואס זאל נישט האבן קיין גלאזערנע טירן, ווייל גלאז וואלט רעפלעקטירט און געשטערט דעם בילד.

די דיינינג רום האט נאך א מעלה אז ס'איז אפן צום קיך און דאס גיט צו עלעמענט און כאראקטער צום בילד.

דער יונגערמאן לערנט אזוי האלב עראי'דיג האלב קבע, אן דעם רעקל אבער מיט דעם הוט. דער קארדלעס טעלעפאן שטייט נעבן דער גמרא ווי א סאלדאט. דער היימישער באגעבא קערידזש מיט'ן בלויען דעכל האט געטראפן א פארקינג ארט און זיך באקוועם קווארטירט אין דעם קליינעם צימער.

אין שאנק זעט מען א סעט דרשו משנה ברורה, און איין באנד, דער חלק פון הל' ראש השנה, זיצט אויפ'ן טיש גרייט צום לערנען. אויך די היימארבעט פון א טאכטער זעט זיך אן אויפ'ן טיש. אין שאנק דערקענט מען אויך די אנגעווארפענע צעטלעך וואס זענען די דרשו חזרה צעטלעך און בחינות.

די שפיץ פון דעם בילד וואס מענטשן האבן אזוי הנאה געהאט איז ווי די קליינע בעיבי שלעפט די בלעטער און דאס איז עפעס וואס מיר האבן נישט געקענט באשטעלן פון פאראויס, דאס האט געדארפט פאסירן ספאנטאן אויפ'ן מאמענט.

## סצענע 15 בעביסיטער



# סצענע 16 א בחינה



צו פארעפנטליכן די דרשו סצענעס און נישט צייגן א סצענע פון דעם קרוין פון א דרשו געשיכטע, א דרשו בחינה, וואלט געווען א בחינה פון העיקר חסר מן הספר.

פון דער אנדערער זייט האט מען גערדארפט טרעפן דער "מאמענט" אין דער בחינה. ס'איז געבליבן אז דאס בילד וועט אילוסטרירן דער הזורעים בדמעה ברנה יקצורו און ווי דער לומד'ס געזיכט שטראלט צו דער פריידיגער רגע ווען ער גיט צוריק זיין בחינה נאכ'ן ענטפערן אלע שאלות און דערמיט געשלאסן זיין דרייסיג טאגיגע הארעוואניע.

"דאס בילד צייגט צופרידנהייט און סיפוק הנפש ווען א דרשו לומד גיט צוריק די דרשו בחינה," זאגט ר' אלימלך.

דער איד וואס שטייט און גיט צוריק די בחינה איז ר' יצחק משה גראס, א שריפטשטעלער פון קרית יואל. דער וואס זיצט מיט די פיאות אויף די אויערן און די פינגער אין מויל פארטראכט, איז גראדע דער טאטע פון בילד נומער #6 (א גוטע נאכט טאטי) וועלכער גייט ארויס פון שטוב מאכן די בחינה.

דאס בילד איז גענומען געווארן אין סקווירא שטיבל אין מאנסי וואו ר' אלימלך איז א מתפלל. דער בחינה פארטיילער איז געוויס אונזער פאטאגראפיסט ר' יאסי.

דאס בילד איז פול מיט דעטאלן און פאטא-זשורנאליסטישע "זשעסטורס". איין יונגערמאן האלט די פענע אין מויל, איין יונגערמאן אין ווינקל פון שול האט זיך געמוזט אויסטון ס'אויבערראק פאר זיין ריכטיגן ישוב הדעת און נעמט די בחינה מיט די גרויסע ציצית.

איינער קראצט אין שטערן, איינער האלט דעם שטערן, איין יונגערמאן האט שוין אפילו געענדיגט די בחינה און ער מאכט דעם וועג ארויס ביים טיר.

סעלצער און פלעסטיק גלעזלעך זיצן אויפ'ן טיש פאר ווער עס וויל זיך באנעצן די ליפן. און איין איד האט אן אישו מיט די עירקאנדישאן... "דאס האבן מיר נישט געפלאנט פון פאראויס," זאגט ר' אלימלך, "ס'איז געווען א בליץ וואס איז איינגעפאלן דעם איד ספאנטאן אויפ'ן פלאץ און דער עולם האט זיך געריסן פאר געלעכטער.

די סייעתא דשמיא צו האבן די ריכטיגע בייפעלער האבן מיר געזען א גאנצן צייט אויף אן אבנארמאלן פארנעם."

אויפ'ן טיש זעט מען פארשידנערליי בחינות, פענעס און צעטלעך און א משנה ברורה מהודרת דרשו.

"יאסי האט זיך שפעטער געכאפט אז מ'וואלט געדארפט לייגן א הוט אויף די הוקס וואס מ'זעט אויף דער וואנט," זאגט ר' אלימלך מיט פאראיבל.

איבער דעם אויסשטעל פון דעם בילד, זאגט ער אז די מעלה דערפון איז אז מ'האט אריינגעכאפט פיר ווענט אין איין בילד, און די מענטשן זיצן אין א פארקערטער ריכטונג פון בילד, אזוי גיט עס צו עטוואס דינאמיקס. אויך איז דער טיר אפן און דאס בילד לויפט אריין ביז'ן נעקסטן צימער וואס גיט צו עלעמענט. "עפענען די טיר איז געווען יאסי'ס גאונות," זאגט מיילעך.

איין לומד זעט מען נאר דעם רוקן זיינעם צו צייגן ווי דער ציבור גייט גרעסער ווי דאס בילד קען צייגן. (ער איז א בחור וועמען מ'האט אנגעטון א רעקל דריי מאל גרעסער זיין סייז און ס'איז געווען בעסער אז מ'זעט ווי ווייניגער...)

די געזיכט מינעס זענען פארשידנערליי. איינער טראכט, איינער איז פרייליך, איינער איז פאר'דאגה'ט, איינער ציילט יעדעס ווארט און איינער שרייבט אין איילעניש.

די ווירקליכע בחינה סצענעס זענען פיל גרעסער און אין געוועגליכע פעלער האנדלט מען מיט הונדערטער מענטשן וואס נעמען די בחינה אויפאמאל. "ס'וואלט אבער פארלוירן די קוואליטעט ווען ס'איז גרעסער אין קוואנטיטעט," זאגט ר' אלימלך א כלל וואס זיי האבן געהאלטן פאר די אויגן במשך דער גאנצער צייט. "די גאנצע קאנצעפט פון דעם קאמפיין איז אריינצוזומען צום פרט אינעם כלל; ווען א מענטש הערט אז כך וכך טויזנטער מענטשן לערנען און נעמען די דרשו בחינה איז עס בסך הכל א סטאטיסטיק, ווידער ווען דו זומסט אריין אין איין געשיכטעלע פון איין מענטש, האסטו אים געגעבן די ריכטיגע באגריף פון דער זאך."

# סצענע 17 גראנדיעזע סיום



טאטע און שווער זיצן ביים עלעגאנטן סיום פון זייער חשוב'ן זון\איידעם וועלכער מאכט יעצט דעם הדרן און איז מקשר אנהויב מסכת צו סוף מסכת מיט דער באטייליגונג פון אן ענגע קרייז קרובים און ידידים.

"מ'זעט די שעצונג צום לומד," זאגט ר' אלימלך. אלעמענס אויגן איז געוואנדן צום מסיים "דער טאטע האלט א גאפל אין דער האנט און קען נישט אראפנעמען דאס אויג פון זיין זון און זיין הארץ קוועלט אין גליק."

דער "שווער" מיט'ן ווייסן בארד און פאטריארכאלישע צורה איז א חשוב'ער איד, ר' דוד ליכטמאן, א היימישער טעראפיסט פון מאנסי. "מיין פאטער ע"ה פלעגט מאכן געשעפטן מיט אים," זאגט ר' אלימלך וויאזוי ער האט געוואוסט פון ר' דוד צו זאגן. "אלס קינד פלעגט ער מיך גריסן גוט שבת מיט אזא ליבליכקייט און ווארעמקייט. ער איז א איד א שטיק הארץ, ממש ער שיינט. -- אזא איד האב איך געוואלט אינעם בילד."

דער פארטי פלענער, ר' יצחק אוליאול פון "דעקאריאל", האט געמאכט א מייסטערארבעט צו זעצן דעם טיש אין א פריינטליך עלעגאנטע אטמאספער. דער סיום ווערט געפראוועט אין א כמו זאל, נישט אויפרייסעריש אבער דאך באלעבאטיש.

"דער עולם האט זיך געהעריג געוואשן צו א סעודה," דערציילט ר' אלימלך, "כ'האב געהייסן יעדן זיך זעצן עסן, מ'האט אויפגעשניטן די חלה און סערווירט די פיש און דער עולם איז געבליבן הונגעריג פאר די פלייש."

דאס קינד וואס נעמט בילדער מיט דעם רויטן קאמערע איז א זון פון ר' יאסי גאלדבערגער. די קאול-סלאו זיצט אויפ'ן טיש, די סאדע איז די כשר'ע קאוק פון ארץ ישראל, שיינע בלומען באצירן און אלע סארטן הוטן און גלעזער זענען צוגעזעצט צום טיש.





איין איד לאנט זיך אן אויפ'ן ווייץ פלאש און אויף אן אנדערן ווייץ פלאש זעט זיך ארויס די דרשו לאגא א מתנה וואס דרשו האט געשיקט פאר דעם לומד \ מסיים . דאס קינד וואס איז אויסגעדרייט צום רוקן זעט אויס עטוואס אומגעדולדיג און זיינע בליקן וואנדערן; ער איז געקומען עסן א גוטע סעודה און ער טרעפט די דרשה פונעם לומד עטוואס לאנגווייליג...